41 נישט צום גאַנצן פֿאָלק, נאָר צו עדות, וועלכע
זענען פֿריִער אויסדערוויילט געוואָרן פֿון ג־ט,
צו אונדז, וואָס האָבן געגעסן און געטרונקען מיט
42 אים נאָך זיין אויפֿשטיין פֿון די טויטע. און ער האָט
אונדז באַפֿוילן אויסצורופֿן צום פֿאָלק און עדות־
צו־זאָגן, אַז ער איז דער פֿון ג־ט באַשטימטער
43 שופֿט פֿון די לעבעדיקע און טויטע. אויף אים
זאָגן אַלע נביאים עדות, אַז יעדערער, וואָס גלויבט
אין אים, וועט דורך זיין נאָמען באַקומען די פֿאַר־
געבונג פֿון זינד.

44 בשעת פעטרוס האָט נאָך גערעדט די דאָזיקע
ווערטער, איז דער רוח הקודש געפֿאַלן אויף אַלע,
45 וואָס האָבן געהערט דאָס וואָרט. און די געמלטע
(ד׳ ה׳ די יידישע) מאמינים, וועלכע זענען מיט־
געקומען מיט פעטרוסן, האָבן געשטוינט, אַז
אַפֿילו אויף די גוים איז אויסגעגאָסן געוואָרן די
46 מתנה פֿון דעם רוח הקודש. וואָרום זיי האָבן זיי
געהערט רעדן מיט לשונות און אָפּגעבן כבוד צו
47 ג־ט. דעמלט האָט פעטרוס געענטפֿערט: צי קען
דען עמיצער פֿאַרווערן דאָס וואַסער, אַז עס זאָלן
נישט געטובלט ווערן די דאָזיקע, וועלכע האָבן
48 באַקומען דעם רוח הקודש, ווי מיר? און ער האָט
זיי באַפֿוילן זיך צו לאָזן טובל זיין אין דעם נאָמען
פֿון ישוע המשיחן. דעמלט האָבן זיי אים געבעטן,
נאָך צו פֿאַרבלייבן אייניקע טעג.